**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/20/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שענקט באגנאדיגונג פאר 22 מענטשן**

***זעצט פאר צו אויספירן צוזאג צו שענקען באגנאדיגונג אויף אן אנגייענדן פארנעם***

***בויט ארויף אויף גאווערנער'ס באמיאונגען צו רעפארמירן די באגנאדיגונג פראצעדור, ארייינרעכענענדיג דאס צוזאמברענגען א ראטגעבנדע פאנעל פון אומפארטייאישע עקספערטן, צולייגן נאך איינגעשטעלטע און פארמערן קאמוניקאציע מיט אפליקאנטן***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געשאנקען באגנאדיגונג פאר 22 מענטשן, ארייינרעכענענדיג 21 פארדאנס און איין אורטייל פארגרינגערונג. די שריט אנערקענט מענטשן וואס ווייזן ארויס חרטה, זענען א מוסטער פון ערהוילונג און ווייזן ארויס א פארפליכטונג זיך צו פארבעסערן אליין און צו פארבעסערן זייערע קאמיוניטיס. נאכן איינפירן פראצעדוראלע רעפארמען צו פארשטעקערן דעם באגנאדיגונג פראצעדור, האט גאווערנער Hochul (האקול) געשאנקען 94 באגנאדיגונגען דורכאויס איר צייט אין אמט.

"ווען איך בין אריין אין אפיס, האב איך איינגעפירט א סעריע פון רעפארמען צו ברענגען נאך אפנקייט און פאראנטווארטליכקייט צו די באגנאדיגונג פראצעדור", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "איך וועל פארזעצן צו ארבעטן מיט געזעץ אינפארסירונג, קורבנות' רעכטן גרופעס, פראקוראָרן, רעפארם שתדלנים און אלע פארמישטע קערפערשאפטן צו זיכער מאכן אז די פראצעדור ווערט דורכגעפירט מיט פאראנטווארטליכקייט."

די גאווערנער'ס אפיס האט אונטערגענומען א רייע שריט צו פארמערן די דורכזיכטיגקייט און קאמיוניקאציע דורכאויס דעם באגנאדיגונג פראצעדור. די עקזעקיוטיוו קלעמענסי ביורא האט איינגעפירט א נייע פאליסי פון שיקן רעגלמעסיגע בריוון צו מענטשן מיט קלעמענסי אפליקאציעס, זיי צו אינפארמירן וועגן זייער קעיס סטאטוס, און צושטעלן אינפארמאציע איבער ווי אזוי צו ארייינגעבן נאך אינפארמאציע אין שטיצע פון זייערע אפליקאציעס. די גאווערנער'ס אפיס איז אויך ארויסגעקומען מיט א פארבעסערטע וועבזייטל וואס העלפט באגנאדיגונג אפליקאנטן מיט דעם אפליקאציע פראצעדור; די וועבזייטל רעכנט אריין גרייטע נוסחאות פאר באגנאדיגונג אפליקאציע בויגנס, סיי פאר א פארדאן און סיי פאר אורטייל פארקערצערונגען, כדי צו גיבן פאר צוקונפטיגע אפליקאנטן בעסערע אנווייזונגען איבער וועלכע אינפארמאציע צו אנגעבן ווען זיי אפלייען.

די גאווערנער האט אויך צוזאמגערופן א באגנאדיגונג אדווייזארי פאנעל וואס באשטייט פון אומפארטייאישע עקספערטן צו ארויסהעלפן מיטן ראטן די גאווערנער איבער באגנאדיגונג אפליקאציעס. נאכפאלגנדיג רעקאמענדאציעס פון די קלעמענסי אדווייזארי פאנעל (Clemency Advisory Panel), טוט גאווערנער Hochul (האקול) שענקען א פארדאן פאר 21 מענטשן און פארגרינגערן די אורטייל פון איין מענטש.

**פארדאנס**

די מענטשן וואס זענען געשאנקען געווארן א פארדאן הײנט האבן אלע געלעבט לעבנס פרײ פון פארברעכן פאר מער פון צען יאר — און אין פילע פעלער עטליכע צענדליגע יארן – און זײ האבן ארויסגעוויזן פאזיטיווע ביישטײערונגען צו זײערע קאמיוניטיס. עטליכע פון די מענטשן וועלכע האבן הײנט באקומען א פארדאן זענען באשולדיגט געווארן פון א פארברעך בשעת'ן וואוינען אין ניו יארק סטעיט אבער האבן זינט דאן זיך אוועקגעצויגן צו אנדערע סטעיטס. די מענטשן וואס באקומען א פארדאן האבן פארגעזעצט צו אריבערגײן לעבנס שווערינקייטן צוליב זײערע קרימינאלע באשולדיגונגען. די גאווערנער'ס פארדאנס וועט העלפן פארגרינגערן די שוועריגקייטן.

Tina Belton-Pittman (טינע בעלטאן-פּיטמאן), 57, האט געלעבט א לעבן פרײ פון פארברעכן פאר 28 יאר. Belton-Pittman (בעלטאן-פּיטמאן) איז באשולדיגט געווארן מיט א פרואוו צו פארקויפן קרימינאלערהייט א פארבאטענע מאטעריאל אין די דריטע גראד אין 1996.

Sabino De Los Santos (סאבינאו דע לאס סענטאָוס), 59, האט געלעבט א לעבן פרײ פון פארברעכן פאר 25 יאר. מר. De Los Santos (דע לאס סענטאָוס) איז באשולדיגט געווארן מיט קרימינאלע באזיץ פון א פארבאטענע מאטעריאל אין די זיבעטע גראד אין 1999.

Leroy Byfield (לירוי בײפיעלד), 70, האט געלעבט א לעבן פרײ פון פארברעכן פאר 29 יאר. מר. Byfield (בײפיעלד) איז באשולדיגט געווארן מיט א פרואוו פון קרימינאלע באזיץ פון א פארבאטענע מאטעריאל אין די זיבעטע גראד אין 1993.

Bienvenido Padilla Pichardo (ביענוועניִדאָו פּאדילא פּיקארדאָו), 46, האט געלעבט א לעבן פרײ פון פארברעכן פאר 17 יאר. מר. Padilla Pichardo (פּאדילא פּיקארדאָו) איז באשולדיגט געווארן מיט ארויסהעלפן מיט א קרימינאלע פארברעך אין די פערדע גראד אין 2007.

Efigenia Canelo (עפיגעניא קאנעלא), 61, האט געלעבט א לעבן פרײ פון פארברעכן פאר 23 יאר. מיס Canelo (קאנאלא) איז באשולדיגט געווארן מיט א פרואוו צו פארקויפן קרימינאלערהייט א פארבאטענע מאטעריאל אין די דריטע גראד אין 2001.

Jose Zorrilla Filpo (האָוזעי זאָריע פילפּאו), 42, האט געלעבט א לעבן פרײ פון פארברעכן פאר 19 יאר. מר. Zorrilla Filpo (זאָריע פילפּאו) איז באשולדיגט געווארן מיטן פארקויפן קרימינאלערהייט א פארבאטענע מאטעריאל אין די פערטע גראד אין 2005.

Julio Cuello Guzman (הוּליאָו קוועיאָו גוּזמאן), 62, האט געלעבט א לעבן פרײ פון פארברעכן פאר 25 יאר. מר. Cuello Guzman (קוועיאָו גוּזמאן) איז באשולדיגט געווארן מיט א פרואוו צו פארקויפן קרימינאלערהייט א פארבאטענע מאטעריאל אין די דריטע גראד אין 1999.

Marlon Baksh (מארלאן באקש), 64, האט געלעבט א לעבן פרײ פון פארברעכן פאר 20 יאר. מר. Baksh (באקש) איז באשולדיגט געווארן מיט קרימינאלע באזיץ פון א פארבאטענע מאטעריאל אין די פיפטע גראד אין 2004.

Gene Lovick (דזשין לאוויק), 68, האט געלעבט א לעבן פרײ פון פארברעכן פאר 44 יאר. מר. Lovick (לאוויק) איז באשולדיגט געווארן מיט א פרואוו פון קרימינאלע באזיץ פון א וואפן אין די דריטע גראד אין 1980.

Ayisha Ingram-Mincey (אייאישע אינגרעם-מינסי), 45, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 26 יאר. מיס Ingram-Mincey (אינגרעם-מינסי) איז באשולדיגט געווארן מיט קרימינאלע באזיץ פון א פארבאטענע מאטעריאל אין די דריטע גראד אין 1998.

Timothy O'Brien (טימאטי אָובריייען), 74, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 46 יאר. מר. O'Brien (אָובריייען) איז באשולדיגט געווארן מיט קרימינאלע באזיץ פון א פארבאטענע מאטעריאל אין די דריטע גראד אין 1978 און פון באזיץ פון א געפארפולע דראג אין די זעקסטע גראד אין 1971.

Jaime Restrepo (דזשעימי רעסטרעפאו), 49, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 22 יאר. מר. Restrepo (רעסטרעפאו) איז באשולדיגט געווארן מיטן פארקויפן קרימינאלערהייט א פארבאטענע מאטעריאל אין די דריטע גראד אין 2002.

Luis Sanchez (לואיס סענטשעז), 62, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 38 יאר. ער איז באשולדיגט געווארן מיט קרימינאלע באזיץ פון א וואפן אין די דריטע גראד און א פרואוו פון קרימינאלע באזיץ פון געגנב'טע פארמעגן אין די ערשטע גראד אין 1986.

Pablo Pulido (פאבלאו פולידאָו), 59, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 19 יאר. ער איז באשולדיגט געווארן מיט אן איבערפאל אין די דריטע גראד אין 2005 און מיט א פרואוו צו פארקויפן קרימינאלערהייט א פארבאטענע מאטעריאל אין די דריטע גראד אין 1987.

Jose Gonzalez (האָזעי גאנזאלעז), 65, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 33 יאר. מר. Gonzalez (גאנזאלעז) איז באשולדיגט געווארן מיט א פרואוו צו פארקויפן קרימינאלערהייט א פארבאטענע מאטעריאל אין די דריטע גראד אין 1991.

Roderick Johnson (ראדעריק דזשאנסאן), 61, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 35 יאר. מר. Johnson (דזשאנסאן) איז באשולדיגט געווארן מיט א פרואוו צו פארקויפן קרימינאלערהייט א פארבאטענע מאטעריאל אין די דריטע גראד אין 1989.

Shivlall Parbhoo (שיוולאל פארבהו), 41, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 23 יאר. מר. Parbhoo (פארבהו) איז באשולדיגט געווארן מיט א רויבעריי פרואוו אין די ערשטע גראד און רויבעריי פרואוו אין די צווייטע גראד אין 2001.

Herbert Martin (הערבערט מארטין), 62, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 43 יאר. מר. Martin (מארטין) איז באשולדיגט געווארן מיט אן איינברעך אין די דריטע גראד אין 1981.

Alyssa Depew (אליסע דיפיו), 35, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 13 יאר. מיס Depew (דיפיו) איז באשולדיגט געווארן מיט הארבע גניבה אין די פערטע גראד אין 2011.

Troy Stevenson (טראָי סטיווענסאן), 59, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 35 יאר. מר. Stevenson (סטיווענסאן) איז באשולדיגט געווארן מיט אינשורענס שווינדל אין די דריטע גראד אין 1989.

Gary Williams (גערי וויליאמס), 55, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 35 יאר. מר. Williams (וויליאמס) איז באשולדיגט געווארן מיט קרימינאלע באזיץ פון א וואפן אין די דריטע גראד אין 1989.

**אורטייל פארגרינגערונג**
דער מענטש וועלכער איז היינט געשאנקען געווארן אן אורטייל פארגרינגערונג האט ארויסגעוויזן חרטה און אן איבערגעגעבנקייט זיך צו אויפרעכטן. ער האט אויסגעדינט א באדייטנדע חלק פון זיין אריגינעלע אורטייל, און דורכאויס די צייט איז ער געווארן א וועגווייזער פאר אנדערע און ער האט זיך באנומען מיט אקטיוויטעטן צו פארבעסערן זיין לעבנס און די לעבנס פון זיינע ארומיגע.

Trevers Jackson (טרעווערס דזשעקסאן), 57, איז באשולדיגט געווארן מיט ארגאניזירטע פארברעכן, איינברעך אין די צווייטע גראד און פארבינדענע קלאגעס אין 2004, און ער איז פאראורטיילט געווארן צו 25 יאר ביז לעבן אין טורמע. ער האט אויסגעדינט נאענט צו 22 יאר פון די אורטייל. מר. Jackson (דזשעקסאן)'ס אורטייל ווערט פארגרינגערט אים צו ערלויבן א פריערע געלעגנהייט צו ערשיינען בעפאר די פעראָול באורד כדי די באורד זאל קענען מאכן א באשלוס אויב ער איז פאסיג פאר פעראָול.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן